בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

276

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁפֶּרְעכְן קֶעגְן עַיִן הָרָע?........................................א

הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעלָאזְט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת?........................ד

עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק........................ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מַאכְט אַ גוּטֶע הַתְחָלָה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים........................א

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען........................א

אַז מֶען שֶׁערְט דִי הָאר, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין צַדִּיקִים........................ג

דִי נַייעֶ חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ עִיר טְבֶרְיָה........................ג

זֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין דִי קִינְדֶער, אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנִירְן........................ד

וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת אִין חֶדֶר פַאר דִי קִינְדֶער........................ד

אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין בְּרוֹיגְזְן........................ו

דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אַזַא שִׂמְחָה אִין קִיוּם הַמִּצְוֹת, אִין פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת........................ז

גְרֵייט זִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבַּת טִישׁ........................ח

מֶען וַוארְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן "דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה"........................י

אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אִין יְשִׁיבָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ........................יא

רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן וַואקְסְן אַ טְשׁוּפּ........................יד

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן........................טו

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער........................יז

הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ קִינְד פוּן חֶדֶר........................יט

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וַואקְסִינֶען........................כא

אַ בָּחוּר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס, אַ שֵׁיינֶע הַתְחָלָה פַּאר'ן זְמַן ..........כב
לוֹיף אַוֶועק פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה ........................................................... כג
גֵייט אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.......................................................כה
טְרַאכְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט פוּן יֶעצְט.........................................כו
אוֹיב מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים..............................כז
שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם ................................................ כט
פָּאלְגְן דֶעם טַאטֶען אָדֶער מַאמֶען?.........................................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁפְּרֶעכְן קֶעגְן עַיִן הָרָע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, בִּפְרַט אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיב מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁפְּרֶעכְן קֶעגְן עַיִן הָרָע יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט?

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלְס קִינְד בַּיי מַיין טַאטֶע אִינְדֶערְהֵיים אַז מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט אָפְּשְׁפְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער יֶעדְן חוֹדֶשׁ, אוֹיךְ הָאט מִיךְ אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה גֶעזָאגְט אַז דָאס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע סַכָּנוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מִיר הָאבְּן פוּן מוֹהֲרַ"ן אַנְדֶערֶע וֶועגְן אָפְּצוּשְׁפְּרֶעכְן עַיִן הָרָע. מוֹהֲרַ"ן לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:) אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רֶבִּי חֲנִינָא**

גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, 'אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ' כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וְויפִּיל דוּ ווִילְסְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף, עֶס שָׁאט נִישְׁט קַיין שׁוּם עַיִן הָרָע.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן אוֹיךְ דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס. דָא הָאט אִיר דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס אִין אִידִישׁ, זָאגְט דָאס יֶעדְן טָאג – וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע עַיִן הָרָע:

1) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא בּוֹרֵא עֶר בַּאשַׁאפְט, וּמַנְהִיג אוּן פִירְט, לְכָל הַבְּרוּאִים אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיין, עָשָׂה הָאט גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וְיַעֲשֶׂה אוּן וֶועט ווייטֶער אַלֶעס טוּן, לְכָל הַמַּעֲשִׂים אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא יָחִיד עֶר אִיז אֵיינֶער, וְאֵין יְחִידוּת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, כָּמוֹהוּ, בְּשׁוּם פָּנִים אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיינְס, אֱלֹקֵינוּ אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָיָה עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, הֹוֶה עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, וְיִהְיֶה אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵינוֹ גוּף אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא רִאשׁוֹן עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, וְהוּא אַחֲרוֹן אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לוֹ לְבַדּוֹ נָאר צוּ אִים אַלֵיין, רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל דַארְף מֶען בֶּעטְן, וְאֵין רָאוּי אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶועְרד, לְהִתְפַּלֵּל צוּ בֶּעטְן, לְזוּלָתוֹ פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת׳דִיג.

7) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָיְתָה אֲמִתִּית אִיז אֱמֶת׳דִיג, וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו פַאר דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וְלַבָּאִים אַחֲרָיו אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַארְטוּישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): ׳הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, ׳הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם׳ אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שָׂכָר,

**לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.**

**12) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וַוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.**

**13) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַאר אֵייבִּיג.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעלָאזְט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיבֶּער דִי בְּחִירוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין וֶועלְן בַּיי דִי בְּחִירוֹת, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעהַאלְטְן.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דֶעם, ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק אַז מֶען זָאל יָא שְׁטִימֶען, אוּן אַז מֶען זָאל שְׁטִימֶען פַאר דִי שַׁ"ס פַּארְטֵיי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶרְקְלֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ״ן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל וואוּ מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט מֶען זָאל גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת.

דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן ״בְּרֶסְלֶב לְמַעַן שַׁ״ס״ - הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ סִיבָּה וְכוּ׳ וְכוּ׳. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן הוֹרָאַת שָׁעָה, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ טוּ זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ וְכוּ׳״.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן קֵיינֶעם, קוּק אִין דִי בְּרִיוו אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וואוּ מוֹהֲרָא״שׁ אִיז מְגַלֶּה וֶוער דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען אוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן מִיט זֵיי צוּטוּן.

דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן: ״מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט״ - אִיז אַ גְרוֹיסֶער בְּלָאף, אַלֶע פַּארְטֵייעֶן זֶענֶען אֵיין גְרוֹיסֶע בְּלָאף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**זָאל אֵיךְ גֵיין שְׁטִימֶען בַּיי דִי בְּחִירוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס גֵייט זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָא נָאכְאַמָאל בְּחִירוֹת אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם מִיר גֵייעֶן צוּ דִי בְּחִירוֹת, יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס פְּרִישֶׁע חֲרֵדִי'שֶׁע

צַייטוּנְגֶען וָואס שְׁרַייבְּן מִיט קִידּוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיּוֹת בְּשֵׁם גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט שְׁטִימֶען אִיז מְחַלֵּל כְּבוֹד שָׁמַיִם, און נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע מִצְוֹת וָואס מֶען גֵייט אוֹיפְטוּן מִיטְ'ן גֵיין שְׁטִימֶען, מִיט דֶעם וָואס מֶען שְׁטֶעלְט אַרַיין חֲרֵדִי'שֶׁע פָּארְשְׁטֵייעֶר אִין דִי כְּנֶסֶת הַמִּינִים וֶועט מֶען צוּרִיק הַאלְטְן פַארְשִׁידֶענֶע חִלּוּלֵי שַׁבָּת און נָאךְ. וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר דִי אַלֶע וָואס וַוייזְן מִיר דִי אַלֶע טַעֲנוֹת? אוֹיךְ זָאגְט מֶען מִיר אַז אֲפִילוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיב וָואלְט עֶר הַיינְט גֶעלֶעבְּט, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעהֵייסְן גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ וִוי אַמָאל.

אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, און אִיךְ וִויל נָאר הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת. מִיר - תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - שְׁטֵייעֶן וַוייט פוּן דִי עֶרֶב רַב, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי עֶרֶב רַב, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁיְּיכוּת.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין צַייטוּנְגֶען אִין שְׁטוּבּ; דִי צַייטוּנְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען דִי צֶעטְלֶעךְ מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס הָאבְּן שַׁיְּיכוּת מִיט דִי פַארְטֵייעֶן; אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר און דִי אַלֶע וָואס זָאגְן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֵיין שְׁטִימֶען - אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת; זֵיי זִינְגֶען: ״מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט״ - אָבֶּער אַלֶעס אִיז נָאר פַאר כָּבוֹד און גֶעלְט.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אוֹיף דֶעם צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען כָּל יָמָיו אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן דֶעם אֱמֶת, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, אַז דִי מְדִינָה אִיז אַ מְרִידָה בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם - אַז הַיינְט וָואלְט גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ; חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן.

טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אַ שָׁאד גֵיין אִין וִיכּוּחִים; אִין דִי צַייט קֶענְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן שֵׁיינֶע סְפָרִים וָואס דִי מְפִיצִים זָאלְן מֵפִיץ זַיין יֶעדֶע מָאל עֶס אִיז דָא בְּחִירוֹת; אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים אִיז ׳יֵשׁ בְּמִי לִבְחֹר׳, עֶס אִיז דָא פַאר וֶועם צוּ שְׁטִימֶען. אִין דֶעם סֵפֶר אִיז מוֹהֲרַא״שׁ מְגַלֶּה מֶען זָאל בּוֹחֵר זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן.

דִי מְדִינָה קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִיּוּם וַוייל עֶס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַאלְט זִי נָאכְאַמָאל צַאם אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט אִיר נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן עֶס פַאלְט נָאכְאַמָאל צַאם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...]

## עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

שְׁאֵלָה:

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ בִּין דָאס מָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁטִימֶען בַּיי דִי בְּחִירוֹת דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּם צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן "וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ" בְּמֶשֶׁךְ דִי פֶערְצְן שָׁעָה פוּן טָאג, יֶעדֶע מִינוּט פוּן טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעפָאלְגְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת. אַנְדֶערְשׁ ווי דִי וָואס גֵייעֶן יָא, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד אַז זֵיי דַארְפְן פָאלְגְן זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס אוּן מְקַיֵּם זַיין דֶעם "וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ" נָאר אֵיינְמָאל בְּשַׁעַתְ'ן אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם צֶעטְל...

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאזוּנְדֶער בַּאדַאנְקֶען, וַוייל אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקֹרָב גֶעוָוארְן פְלֶעג אִיךְ יָא

גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, מִיט'ן לְשֵׁם יִחוּד אוּן דֶער גַארְטְל, אַזוֹי ווִי מַיינֶע אַלְטֶע חֲבֵרִים, אוּן יֶעדֶעס מָאל פְּלֶעג אִיךְ לִיגְן אִין דֶעם מִיטְ'ן גַאנְצְן קָאפּ אוּן מֹחַ, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעדַארְפְט רוּפְן דִי נַייעֶס קְווֶעלֶער צוּ הֶערְן וואוּ ס'הַאלְט, ווִיפִיל פְּרָאצֶענְט הָאבְּן שׁוֹין גֶעווֶעלְט, ווִיפִיל פְּרָאצֶענְט פוּן יֶעדֶע קְהִלָּה הָאט שׁוֹין גֶעווֶעלְט, וָואס מְ'זָאגְט אַלְץ פָּאר ווֶער עֶס גֵייט גֶעווִינֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט דִי נַאכְט נָאךְ דִי בְּחִירוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, ווֶער עֶס הַאלְט וואוּ.

דָאס יָאר אִיז אָבֶּער גֶעווֶוען גָאר אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֵרֶב רַב, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעפָאלְגְט אִינְגַאנְצְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען ווֶעלְן, אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלָל נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן קַיין נַייעֶס אִיבֶּער דִי בְּחִירוֹת, נִישְׁט פַארְדֶעם אוּן נִישְׁט נָאכְדֶעם, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר כִּמְעַט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אִיךְ בִּין גֶעווֶוען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן מִיר אַלֵיין ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט אוֹיף דֶעם, מַמָּשׁ פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקֹרָב גֶעוָוארְן, אוּן דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ צוּ פַארְדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי עֵרֶב רַב, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם מַגָּע וּמַשָּׂא. דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן: ״וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ״ - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת, אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר; אַלֶע פַּארְטֵייעֶן אִיז פַאר אֵיין צִיל: פַאר כָּבוֹד אוּן גֶעלְט.

מֶער אוּן מֶער מֶענְטְשְׁן ווֶערְן מִיד אוּן הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי זַאכְן, מֶען זֶעט שׁוֹין קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק פָּאלִיטִיק; מֶען מַאכְט מְשׁוּגָע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע פַּארְטֵיי - פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן.

לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע מֹחַ, אַ

רֵיינְקֵייט, אַ זוֹיבֶּערְקֵייט; עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן קַיין נֵייעֶס, קַיין פָּאלִיטִיק, וֶועסְט קוּקְן אִין אַ צֵייטוּנְג אַזוֹי וִוי דֶער הָאן קוּקְט אִין בְּנֵי אָדָם.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פִּילְטֶערְט דֶעם מֹחַ, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְּאָתִי, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן ׳אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ טוֹיטֶער, מֶען וֶועט מִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר׳; דֶעמָאלְט וֶועט אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דֶעמָאלְט וֶועט אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מַאכְט אַ גוּטֶע הַתְחָלָה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב, שְׁנַת ה׳תשפ״ג**
**... תְּחְיֶ׳, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נִיצְט אוֹיס אַייעֶר יוֹם הוּלֶּדֶת מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, מַאכְט אַ גוּטֶע הַתְחָלָה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אוֹיבּ אִיר קֶענְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גְלַייךְ צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר אַזוֹי טוּן, זוּנְטָאג יוֹם רִאשׁוֹן, מָאנְטָאג יוֹם שֵׁנִי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר עֶנְדִיגְן סֵפֶר תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. אוֹיבּ אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אָנְצוּהוֹיבְּן גְלַייךְ צוּ זָאגְן דֶעם גַאנְצְן יוֹם תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג כָּאטְשׁ פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועט אִיר מְסַיֵּים זַיין יֶעדֶע חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹי וִוי שֵׁיין עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער יוֹם טוֹב; דִי דַאוֶוענֶען, דִי הוֹשַׁעְנוֹת, דִי שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אוּן דִי צְוֵוייטֶע טֶעג אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין,

אָפְּגֶערֶעדְט דִי הַקָּפוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין; עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן, יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת פוּן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב. יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר נָאר דֶערְמַאנֶען, אוֹיבּ הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי סֶדְרָה פוּן בְּרֵאשִׁית, חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם – זָאלְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן, ווַייל אַז דוּ וֶועסְט דִי וָואךְ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין – וֶועסְטוּ דִי גַאנְצֶע יָאר נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי סֶדְרָה פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, לְכָל הַפָּחוֹת הוֹיבּ יֶעצְט אָן.

יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן; מִיר הוֹיבְּן אָן דִי פוּפְצְנְסְטֶע יָאר יְשִׁיבָה, נָאךְ אַ יָאר חַזֶר׳ן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה מִיט דִי בָּחוּרִים.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ בִּין מִיט דִיר נָאר ווִילַאנְג דוּ בִּיסְט מִיט אַלֶעמֶען בְּשָׁלוֹם, אַז דוּ הוֹיבְּסְט אָן זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם – בִּין אִיךְ נִישְׁט מִיט דִיר. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט קֵיינֶעם. אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם פַּיינְטְשַׁאפְט, קַיין שׁוּם לֵיצָנוּת – בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מָארְגְן וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען שֶׁערְט דִי הָאר, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה'תשפ"ג
מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר דַארְף נִישְׁט אַייעֶר הָאר, עֶר דַארְף אַייךְ; עֶר אִיז פוּל מִיט פְרֵייד אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶעטְרָאפְן, עֶר דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט אַ וַוייבּ מִיט הָאר.

דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַייךְ אַרַיין 'אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ לָאזְן צוּרִיקְוַואקְסְן מַיינֶע הָאר פַאר מַיין מַאן?' דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה, אַייעֶר מַאן דַארְף נִישְׁט הָאר, אוּן נִישְׁט קַיין לַייז; בְּלַייבְּט אַזוֹי, בְּלַייבְּט הֵיילִיג.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר טוּט רָצוֹן הַשֵּׁם, אִיר גֵייט אִין דִי פִּיס טְרִיט פוּן צַדִיקִים; וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי נֵייעֶ חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ עִיר טְבֶרְיָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה'תשפ"ג
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּס פוּן דִי נֵייעֶ חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ עִיר טְבֶרְיָה.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט פוּן דִי חֵדֶר, אִיךְ ווִיל דָארְט זַיין; אִיךְ ווִיל ווִיסְן אַלֶע פְּרָטִים אוּן פְּרָטֵי פְּרָטִים פוּן חֵדֶר.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז (כְּתוּבּוֹת קה.), דִי הַארְבְּקֵייט פַאר אַ דַיָין צוּ נֶעמֶען שֹׁחַד, אֲפִילוּ שֹׁחַד דְבָרִים. הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְדִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פַאר מְלַמְדִים צוּ גֶעבְּן שֹׁחַד פַאר דִי תַּלְמִידִים; שֹׁחַד פוּן פְּרָסִים, שֹׁחַד דְבָרִים, גוּטֶע וֶוערְטֶער; ווִי דָאס אַרְבֶּעט, אַזוֹי הָאט מֶען אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי תַּלְמִידִים.

קֶענְסְט אוֹיסְהֶערְן שֵׁיינֶע חִיזּוּק שְׁמוּעֶסְן פַאר מְלַמְּדִים אוֹיף קַו בְּרֶסְלֶב. נָאכְן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא רֶעד אִיךְ אַפָּאר מִינוּט צוּ דִי מְלַמְּדִים, וֶועסְט הֶערְן דָארְט שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין דִי קִינְדֶער, אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנִירְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

פַארְמַאכְט אַייךְ אַייעֶרֶע אוֹיגְן, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶען; עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן וֶוען אַייעֶר אֵיידֶעם שְׁטֵייט אוֹיף שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי.

אַייעֶר טָאכְטֶער אוּן אֵיידֶעם זֶענֶען אַזוֹי ווּאוִיל אוּן אַזוֹי עֶרְלִיךְ, וָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן? אַ שָׁאד אוֹיפְּעֶסְן דִי קִישְׁקֶעס; הַלְוַאי פַאר אַנְדֶערֶע אַזֶעלְכֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס אִיר הָאט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס אִין מַיינֶע קִינְדֶער, אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנִירְן".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען אַ פְּרוֹיעֶן דָאקְטֶער, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פְּרוֹיעֶן דָאקְטֶער קֶען מֶען נֶעמֶען אַ מַאן דָאקְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

לְכָבוֹד דִי מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט

אויס צו דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דְרַאמַאטִישׁ מִיט פַּארְמַאכְטֶע לֶעקְטֶער וְכוּ' וְכוּ'; עֶס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'. עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵייגְט אַרַיין אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

דֶערְצֵיילְט פַּאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאמְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים עֶפְנְט דִי הַארְץ מֶען זָאל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס אוּן דִי בָּאס מְלַמְדִים, מֶען זָאל אָנְצִינְדְן נָאר טֶעיפְּס פוּן בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נִיגוּנִים פוּן בַּעֲלֵי מְנַגְנִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ וָוארְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הֶערְן אַז מֶען צִינְדְט אָן מַעֲשִׂיּוֹת אָדֶער נִיגוּנִים פוּן לֵצִים, דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דֶערְצֵיילְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. וַוייל נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז אַדְוֶוערְטֵייזְט אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אוֹיסְגַאבֶּעס - מֵיינְט יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט יֶעדֶע קִינְדֶער טֶעיפּ וָואס מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס מֵיינְט אַז דָאס מֶעג מֶען הֶערְן, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער זִינְגֶער וָואס גֵייט מִיט אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל מֵיינְט אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

**אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין בְּרוֹינְפְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ סְטֶעטְן אֵיילֶענְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע, אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְלִים זָאגְן דִיר אַז מֶען מוּז גֶעבְּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בְּרוֹינְפְּן; נָאר אַזוֹי וֶועלְן מְקוּרָב וֶוערְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין בְּרוֹינְפְּן. אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען מִיר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם, נִישְׁטָא קַיין בְּרוֹינְפְּן.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז אוֹיךְ דָא וָואס זָאגְן מִיר אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט גֶעבְּן אַ רַייכֶע קִידוּשׁ וֶועלְן מְקוּרָב וֶוערְן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן; דָאס אִיז לֵיצָנוּת, ווַייל אַ קִידוּשׁ צוּ פְרֶעסְן אִיז נִישְׁט קַיין הֲפָצָה.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה גֶעבְּט מֶען מְזוֹנוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט פָּאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, אוּן מֶען אִיז זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳; עֶס זֶענֶען דָא וָואס ווַארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ סְפֶּעצִיעֶל פַּאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען לֶערְנְט פָּאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מֶען רֶעדְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; דָאס אִיז דִי רַייכְסְטֶע קִידוּשׁ, מֶען וֶוערְט אַזוֹי זַאט.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ פָּארְלֶערְנֶען לַייכְטֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אָדֶער פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב. מֶען קוּמְט אִין שׁוּל צוּ הֶערְן חִיזוּק, נִישְׁט יֶעדֶער הָאט דִי מֹחַ צוּ הֶערְן אַ טִיפֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אַזַא שִׂמְחָה אִין קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אִין פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּיי מִיר פוּן דִי שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט בַּיים רֶבִּי'ן, אַ יוֹם טוֹב מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז יֶעדֶע רֶגַע זִיס; דִי הַקָּפוֹת, דִי טֶענְץ, דִי שִׂמְחָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז גֶעוֶוען עַד לְהַפְלִיא, דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אַזַא שִׂמְחָה אִין קִיּוּם הַמִּצְוֹת, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה, נִישְׁט אַיינְנַוָוארְפְן; פוּן דִיר דַארְף אִיךְ אֵיין זַאךְ, דוּ זָאלְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁטֶעכְן. דַיין צִינְג זָאלְסְטוּ נוּצְן אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, הֶער אוֹיף שְׁטֶעכְן, הֶער אוֹיף בַּייסְן אַנְדֶערֶע; נוּץ דַיין מוֹיל אוּן צִינְג אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא.

עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס, עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה. בִּיז דֶערְוַוייל אִיז עֶס קְלֵיין, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע קְהִילָה.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט הַיינְט נַאכְט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג. מֶען גֵייט לֶערְנֶען מַסֶכֶת נְדָרִים, אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; מֶען גֵייט כְּסִדְרָן מִיטְ'ן לִימוּד וָואס אַלֶע לֶערְנֶען. מֶען הוֹיבְּט אָן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן מַסֶכֶת נְדָרִים, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען. אוּן דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים וֶועלְן לֶערְנֶען סַיי מַסֶכֶת נְדָרִים אוּן סַיי מַסֶכֶת סוּכָּה.

אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זַיין דִי וָואךְ שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גְרֵייט זִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ שֵׁיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת. עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין לַאנְגֶע סְעוּדוֹת; דֶער עִיקָר, עֶס זָאל זַיין סְעוּדוֹת מִיט זְמִירוֹת אוּן שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה, פוּן תְּפִלָּה; גְרֵייט זִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה - אָדֶער פוּן תְּפִלָּה אָדֶער פוּן אַ צַדִיק.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וְוִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן; רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶהְרֶע. עֶס אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה, אֲפִילוּ דוּ גֶעבְּסְט גֶעלְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ טֵיילְסְטוּ זֵיי אַיין וָואס צוּ טוּן - אִיז דָאס גָארְנִישְׁט ווֶערְד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): ״יֵשׁ שֶׁהוּא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת״ עֶס אִיז דָא אַמָאל אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, ״וְיוֹרֵשׁ גֵיהִנָּם״ אוּן עֶר גֵייט אִין גֵיהִנוֹם, אוֹיבּ עֶר רֶעדְט צוּ זֵיי מִיט זִלְזוּל.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער; כָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן. גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר כָּבוֹד, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס גֶעזוּנְט; אַז קִינְדֶער הֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע - וַואקְסְן זֵיי קְרוּם.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא - אוּן הוֹיבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט; אַלֶעס וֶועט זִיךְ בַּיי דִיר טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן

אַן עֶרְלִיכֶער איד און אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; װען מען לֶערְנְט די תּוֹרָה װערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁטֶעטְל. אוֹיפְ'ן װעג הָאבּ אִיךְ זיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין קִרְיַת יוֹאֵל מְנַחֵם אָבֵל זַיין אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער חַבֵר, דֶער חָשׁוּבְ'ער מְלַמֵד ... וָואס זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ זַיין טַאטֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, "בָּא לְחַזֵק" אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען מְחַזֵק זַיין, "וְנִמְצָא מְחוּזָק" און אִיךְ בִּין אַרוֹיס מְחוּזָק; װען מֶען טְרֶעפְט זיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הוֹיבְּט אָן גֵיין פֵייעֶר, מֶען פַארְגֶעסְט וָואס טוּט זיךְ אַרוּם זיךְ, מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה מִיט אַזַא פֵייעֶר.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן וָואס מִיר גֵייעֶן יֶעצְט נוּצְן פַאר אַ פְּלַאץ וואו מֶען װעט קֶענֶען נוּצְן קָאמְפְּיוּטֶערְס צוּ קוֹיפְן זַאכְן און עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן אָן דַארְפְן אַרַיינְנֶעמֶען אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ, אָן דַארְפְן אַרַיינְנֶעמֶען אַ טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ. דָארְט װעט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעשֶׁעפְט פַאר קְלֵיידֶער פַאר יוּנְג און אַלְט - פַאר מַמָשׁ בְּחִנָם; דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ װעג צוּ לֶעבְן אָן קַיין חוֹבוֹת.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם בִּנְיָן הַדְפָּסָה מְחַזֵק זַיין די מַדְפִּיסִים. װען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין בִּנְיָן הַדְפָּסָה זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ חָלוֹם, עֶס שְׁטֵייעֶן אִינְגֶעלַייט און דְרוּקְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים; הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, חִיזוּק און עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מִיט די קִינְדֶער, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין די כִּיתּוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט די קִינְדֶער. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, די קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי לִיכְטִיג, אַזוֹי טֵייעֶר, אַזוֹי רֵיין; אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִלָה. יֶעדֶער הָאט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָה, וִוי נָאר אִיךְ קוּם אַרַיין אִין חֵדֶר לוֹיפְן מִיר די קִינְדֶער נָאךְ מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָה.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה; עֶס זֶעט שׁוֹין

אוֹיס כִּמְעַט פֶערְטִיג, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען וֶועט אַרַיינְגֵיין אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בְּקָרוֹב.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי נֵייעֶ הַייזֶער וָואס מֶען בּוֹיט יֶעצְט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן מְזוּזוֹת בַּיי נֵייעֶ הַייזֶער; בַּיי מַיין זוּן, אוּן בַּיים גַבְּאַי פוּן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פְּעוּלַת הַצַּדִיק אוֹיף דִי גַאס רֶעד-קְלִיף. אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פְּעוּלַת הַצַּדִיק; עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע ווִינְקְל.

מִיר זוּכְן צוּ בָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, (אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וֶוער עֶס קֶען מִיר פַארְבָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר אַ שְׁטִיק צַייט - לָאז מִיר ווִיסְן, נָאךְ אַבִּיסְל עֶנְדִיגְן מִיר שְׁרַייבְּן פְרִישֶׁע דְרֵיי סִפְרֵי תּוֹרָה).

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן גְלַייךְ גֶעגֶעבְן דִי שִׁיעוּר.

אִיךְ דַארְף דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט, וְעוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## מֶען וַוארְט שׁוֹין אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן ״דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה״

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג
מָרַת ... תְּחִיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

ווִאוֹיל אִיז אַייךְ פַארְ׳ן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בִּרְיוּר פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִין עֶנְגְלִישׁ פַאר דִי אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֵיינֶען אִידִישׁ. דִי מְפִיצִים פוּן לֶעיקְוָואד גֶעבְּן אִיבֶּער אַז דֶער סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִין עֶנְגְלִישׁ וֶוערְט אַזוֹי צֶעכַאפְּט, מֶענְטְשְׁן ווִילְן נָאר נָאךְ אַ חֵלֶק אוּן נָאךְ אַ חֵלֶק.

מִיר וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק פוּן ״דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה״, אִיר זָאלְט עֶנְדִיגְן דָאס מַגִּיהַ זַיין אוּן זָאגְן אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס

שׁוֹין דְרוּקְן אָדֶער עֶס הָאט נָאךְ טָעוּתִים; דִי מְפִיצִים ווילְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי טוֹיזְנְטֶער.

אִין זְכוּת פוּן זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶועט אִיר הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אִין יְשִׁיבָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ עֶס פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, דִי תְּפִילוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, נָאכְן דַאוֶונֶען זֶענֶען מִיר אַרוֹיס אִין אַ רִקּוּד כְּמִנְהַג אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת. אֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס פֶעלְט אוֹיס אַזוֹי סַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי בְּרֶענְג מִיר אֵיינֶעם וָואס הַאלְט שׁוֹין נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין דָאלֶער חוֹבוֹת... אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, אִיךְ רֶעד פוּן דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הַאלְט נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דְרֵיי קִינְדֶער אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר קֵיינֶעם, נָאר וַוייל אִיךְ פָאלְג מוֹהֲרַא״שׁ, אִיךְ מַאךְ פָּשׁוּטְ׳עֶ שִׂמְחוֹת, אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ. דֶערִיבֶּער רֶעד אִיךְ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי סַאךְ פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְן אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת״.

עֶס אִיז אַ שָׁאד מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט אָפּ דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן; אַזוֹי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן.

שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט פַאר׳ן עָמוּד, אִיךְ הָאבּ עוֹלֶה גֶעוֶוען דִי זִיבֶּעטֶע עַלִיָּ׳, שְׁבִיעִי. בַּיי מַיין עַלִיָּ׳, בִּשְׁעַת דֶער בַּעַל קוֹרֵא הָאט גֶעלֵיינְט

דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה, כט): "זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ" - הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, וַוייל דָא אִיז דָאךְ מְרוּמָז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דִי תּוֹרָה זָאגְט זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ, דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז טְרֵייסְטְן אוּן אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער עַצְבוּת.

שַׁבָּת אִינְדֶערפְרִי בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט נָאכְאַמָאל פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג). דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דִי פַארְלוֹירֶענֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס, אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער בֶּעטְן עֶסְן"; דָא זֶעט מֶען דִי עֵצָה, אַז אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאל מֶען גֵיין אִין דִי הַייזֶער קְלֵייבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן חוֹבוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען קֶען דָאס טוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט הַפָּצָה. מֶען גֵייט בַּיי דִי הַייזֶער, מֶען בֶּעט צְדָקָה פַאר "אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן", אוּן מֶען גֶעבְּט אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה; אַזוֹי אִיז מֶען אַ מַשְׁפִּיעַ.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט, אַ בָּחוּר אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען פַארְיָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל מְנַדֵּב זַיין דֶעם שַׁעַר הַבִּנְיָן פוּנֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס. דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הֶעלְפְט צַאמְנֶעמֶען דִי גֶעלְט פַארְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר זָאל דָאס יֶענֶעם אַוֶועקְגֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט דָא נִישְׁט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, אָדֶער וֶועט עֶר דִיר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט - אָדֶער נִישְׁט". לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר, אוּן דֶער בָּחוּר נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר פַארְ'ן בֵּית הַדְּפוּס פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער. דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן אִין דִי צַייט פוּן נָאךְ יְשִׁיבָה, נָאךְ זִיבְּן אַזֵייגֶער - פַאר אַפָּאר שָׁעָה.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעוִויזְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט, דוּ קֶענְסְט זַיין אַן אַרְבֶּעטֶער, קֶענְסְט זַיין אִין כּוֹלֵל; אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה אַפָּאר שָׁעָה, אָדֶער נָאכְמִיטָאג אָדֶער פַארְנַאכְטְס - קֶענְסְט פַארְדִינֶען מֶער וָואס אַ צְוֵוייטֶער פַארְדִינְט דוּרְךְ אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט, אִיךְ רוּף אָן אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל: "אֶפְשָׁר זוּכְסְטוּ אַן אַרְבֶּעט? אֵיינֶער זוּכְט אַן אַרְבֶּעטֶער", זָאגְט עֶר

מִיר: "אִיךְ דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן? אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט מִיר אַרְבֶּעטְן - גֵיי אִיךְ אַרְבֶּעטְן, אִיךְ ווִיל אָבֶער זָאגְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ פָּאר אַרוֹיס פוּן שְׁטֶעטְל יֶעדְן טָאג דְרֵיי אַזֵייגֶער - הַפָּצָה, אִיךְ גֵיי פַאר צְוֵויי שָׁעָה אוּן אִיךְ בְּרֶענְג אַהֵיים אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ טָאג, וָואס פֶּעלְט מִיר אוֹיס אַרְבֶּעטְן?" זֶעט מֶען אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי הַייזֶער מִיט סְפָרִים קֶען מֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרֵייטֶע לֶעבְּן אָן חוֹבוֹת.

נָאכְמִיטָאג אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שׁוּל הָאבְּן מִיךְ קִינְדֶער נָאכְגֶעשְׁרִיגְן, אַזוֹי ווִי כְּסֵדֶר, אִיךְ הָאב דָאס יֶעדְן טָאג, מֶען שְׁפֶּעט פוּן מִיר. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַז מֶען שְׁפֶּעט פוּן מִיר נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאב אֵיינֶעם בַּא'גַנְבְ'ט, נָאר וַוייל אִיךְ בְּרֶענְג אַרַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (בְּרֵאשִׁית ג, כד): "וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם", מֶען הָאט פַארְטְרִיבְּן אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן גַן עֵדֶן, מֶען הָאט אִים גֶעלֵייגְט מִקֶּדֶם. זָאגְן אוּנְז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ט): 'מִקֶּדֶם' דָאס אִיז דֶער 'גֵיהִנֹּם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוויזְן דֶער גֵיהִנוֹם, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִי מַצִּיל אֶת בָּנַי מֵאֵשׁ לוֹהֶטֶת זוֹ", ווִי אַזוֹי וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן גֵיהִנוֹם? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, דוּרְךְ "חֶרֶב תּוֹרָה", דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערְד פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה - רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר - נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ' - קֶען מֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גֵיהִנוֹם.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּב, נָאר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייב אוּן קִינְדֶער אַבִּיסְל הֶעלְפְן, אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן אוּן אַסַאךְ לֶערְנֶען.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאב אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז

גֶעוֶועְן אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ מִנְיָן בָּחוּרִים, יֶעדֶער הָאט דֶערְצֵיילְט זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֲפָצָה אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.

יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, זָאג דַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְן בְּרֶענְגֶען אַ מַסֶכֶת נְדָרִים; רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הוֹיבְּן מִיר אָן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת נְדָרִים, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִיר אַ בְּלַאט גְמָרָא. אוּן דַיין יְשִׁיבָה קְטַנָּה בָּחוּר זָאל אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען אַ מַסֶכֶת סוּכָּה, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט פָּאר נָאךְ פְרִישְׁטָאג מַסֶכֶת סוּכָּה. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָּארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אֵיינְס דְרַייסִיג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה לֶערְנְט דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פָּאר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת שַׁבָּת, דַיין זוּן זָאל בְּרֶענְגֶען אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת שַׁבָּת, דֶעם זְמַן וֶועלְן זֵיי לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן בִּשּׁוּל בְּשַׁבָּת, סִימָן שי"ח.

מָארְגְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן וַואקְסְן אַ טְשׁוּפּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס, אֵיינֶער אִיז נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן פָארְן מִיט אַ מָאטָאר-סֵייקְל. דוּ וֵוייסְט וִויפִיל מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוָוארְנְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יַבְנְאֵל נִישְׁט צוּ פָארְן מִיט אַ מָאטָאר בִּיצִיקְל, וַוייל דָאס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'עט פוּן דֶעם, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג אִיז דָא הֲרִיגוֹת פוּן דֶעם.

אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט בָּחוּרִים אִין יַבְנְאֵל אוּן זֵיי פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי דִיבּוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. זָאג זֵיי, אוֹיבּ מֶען פָּאלְגְט אַ צַדִּיק - אִיז גוּט, אוּן אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער - אִיז

זֵייעֶר בִּיטֶער; אַלֶע וָואס גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיק הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן מִיט לָאזְן וַואקְסְן אַ טְשׁוּפּ וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם. זָאג זֵיי וָואס אִיז שֵׁיין; שֵׁיין אִיז אָפְּגֶעשׁוֹירְן וִוי אַ אִיד. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים א, טו): "הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי" כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין; "הִנָּךְ יָפָה" בִּיסְט שֵׁיין, "עֵינַיִךְ יוֹנִים" אַזוֹי וִוי דִי אוֹיגְן פוּן אַ טוֹיבּ; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, טו): "מָה יוֹנָה זֹאת מְצֻיֶּנֶת", אַזוֹי וִוי אַ טוֹיבּ אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, מֶען דֶערְקֶענְט אַ טוֹיבּ צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע פֵייגְל, "כָּךְ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִין בְּתִגְלַחַת", אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט דִי וֶועג וִוי מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין טְשׁוּפּ אַזוֹי וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אוּן מֶען שְׁנַיידְט נִישְׁט דִי פֵּיאוֹת מִיט דִי בָּארְד; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי וָואס מֵיינְט שֵׁיין, דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֵיין - דָאס אִיז שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אִיךְ וֶועל אוֹיפְנֶעמֶען אִינְגֶעלַייט, אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ יֶעדֶע זוּנְטָאג נֶעם אִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוער גֶעאָטֶעמְט, אִיךְ בִּין פַארְקִילְט.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן; קוּק נִישְׁט קַיין שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער, עֶקֶעלְדִיגֶע וִוידִיאוֹס. אוֹיבּ מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. דִי

עֲבֵירָה הַרְגְ׳עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס; מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, מֶען פַארְלִירְט דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וְעַל כּוּלָם פַארְלִירְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַלְץ דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

דוּ וֵוייסְט דָאס אַז יֶעדֶער גַנָב לָאזְט נָאךְ פִּיס טְרִיט אוּנְטֶער זִיךְ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אֵיינֶער זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, בַּיים סוֹף קוּמְט מֶען אָן אִין תְּפִיסָה. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַן עֲבֵירָה מֵיינְט אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אָבֶער בַּיים סוֹף קוּמְט אַרוֹיס דִי סוֹד, דֶעמָאלְט אִיז גָאר בִּיטֶער, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען; דִי וַוייבּ אַנְטְלוֹיפְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִיר זָאגְן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן הָאט דָאס שׁוֹין יֶענֶע טַעַם, יֶענְץ פָּנִים; זִי קֶען נִישְׁט לֶעבְן מֶער אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ פוּן אַזַא טַאטֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שׁוֹין בַּאצַייטְנְס אָפְּלָאזְן אַלֶע דַיינֶע קֶשָׁרִים וְכוּ׳.

זוּךְ דִיר נִישְׁט קַיין צָרוֹת. אֲפִילוּ וֶוען דוּ ווִילְסְט טוּן אַ חֶסֶד וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ טוּן חֶסֶד מִיט מֶענֶער, אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ לָאזְן טוּן חֶסֶד מִיט פְרוֹיעֶן, דוּ גֶעבּ אַכְטוּנְג פַאר דַיין לֶעבְן. דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס חֵשֶׁק אִין שְׁטֶעטְל אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען לֶעבְּנְס, ווייל דִי שְׁטֶעטְל אִיז קְלֵיין, אַלֶע קֶענֶען זִיךְ, אִיז וָואס פֶעלְט אוֹיס אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זֵיי; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן פְרוֹיעֶן טוּן חֶסֶד מִיט פְרוֹיעֶן אוּן מֶענֶער מִיט מֶענֶער.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין מַיין מְחוּתָּן, דֶער שְׁוֶוער פוּן אוּנְזֶער מְנַהֵל ר׳ מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, הָרַב ..., עֶר זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ אַ בְּרוּדֶער זַיינֶע, טַאטֶע פוּנֶעם מְלַמֵּד ...; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען זֶעט מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, מֶען גֵייט מְנַחֵם אָבֵל זַיין, דָארְט הֶערְט מֶען נָאר רֶעדְן פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן תְּמִימוּת; קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן קַיין גֶעלְט, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן הַייזֶער, מֶען רֶעדְט נָאר דִּבּוּרֵי תַּכְלִית.

בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעשְׁפִּירְט, בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה

פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מִיטְוָואךְ וֶועֶט מִיר מְסַיֵּים מַסֶכֶת כְּתוּבּוֹת אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת נְדָרִים.

זָאג דַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ מַסֶכֶת נְדָרִים, אוּן אוֹיבּ דַיין בָּחוּר הַאלְט מִיט דִי הֲלָכָה שִׁיעוּר - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען אַ הִלְכוֹת שַׁבָּת, מֶען גֵייט לֶערְנֶען סִימָן שי"ח - הִלְכוֹת בִּשׁוּל. אוּן דַיינֶע יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען מַסֶכֶת סוּכָּה.

הַיינְט זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, וְסִימָנְךָ מִלְּבַד חַ'טָ'אַ'ת הַכִּפּוּרִים, יֶעדֶע עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אוֹיסֶער דִי פִיר חֳדָשִׁים וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַטָא"ת: חֶ'שְׁוָן טֵ'בֵת אִ'יָר אוּן תִּ'שְׁרֵי - זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, מֶען הָאט צֶעטֵיילְט דִי צַאמְקוּם, מֶען קֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים סֵיי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן סֵיי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל; זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּארוּאִיגְט, עֶס בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (זוהר חדש, נח) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט: "מִדַּת הַצַּדִּיק, קָשֶׁה לִכְעוֹס" אַ צַדִּיק רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל, "וְנֹחַ לִרְצוֹת" אוּן אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן, "וְזוֹ הַמִּדָּה גְּדוֹלָה מִכּוּלָּם" אוּן דִי מִדָּה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע מִדָּה. "וּבָא הַכָּתוּב

לְהוֹרוֹת" דָאס קוּמְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְן: "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ" זֶע צוּ לֶעבְּן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, "נֹחַ בְּדַעְתּוֹ" טְרַאכְט רוּאִיג, "נֹחַ בְּדִיבּוּרוֹ" רֶעד רוּאִיג, "נֹחַ בְּמַהֲלָכוֹ" גֵיי רוּאִיג, "וּמִי עוֹשֶׂה זֶה" אוּן וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף - "אִישׁ צַדִּיק" אִיז אַ צַדִּיק.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֵדֶר אוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מֵיידְל שׁוּלֶע וואוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן אַלֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל שְׁפִּירְסְטוּ גַּן עֵדֶן, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט תְּפִלָּה. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רוֹב טָאג מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מְלַמְּדִים.

הַיינְט הוֹיבּ אִיךְ אָן יְשִׁיבָה, מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי פוּפְצֶנְטֶע יָאר, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט זַיין יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים, אִיךְ וִויל פָּארְלֶערְנֶען גְּמָרָא אוּן אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת, אוּן נָאכְמִיטָאג, פִינְף אַזֵייגֶער - אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן, זָאלְסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן מִיט אַ סִידוּר. מוֹהֲרַנ"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען דַוְקָא פוּן אַ סִידוּר, נִישְׁט אוֹיסְוֶוענִיג, אַזוֹי קֶען מֶען מֶער אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין מִקְוֶה דָאס קוּמְט פוּן עַצְבוּת וְעַצְלוּת. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ נִישְׁט בָּאדְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, וָואס פַּאסִירְט? מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים. אוּן וָואס אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה? זִי אִיז אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, זִי דַארְף מֶען זָאל אִיר אָפְּבָּאדְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיטְ'ן גֵיין אִין מִקְוֶה.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער, אִיךְ הִיס נָאךְ, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער הִיס פוּן זוּנְטָאג, עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

אִיךְ דַארְף אַרַיינְלוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ קִינְד פוּן חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ נִישְׁט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קִינְד פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע הָאט דָאס פַּאסִירְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

וֶוען מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען אַ קִינְד אִין אוּנְזֶער מוֹסָד נָאכְדֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם קִינְד, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, נָאכְן זִיךְ פָּארֶען מִיטְ׳ן קִינְד וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי עַסְקָנִים, זֵיי הָאבְּן גֶערַאטֶעוֶועט אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אוּן מְסַדֵר גֶעוֶוען אִין אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט, מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען אַ קִינְד פוּן אַ צֶעטֵיילְטֶע מִשְׁפָּחָה, קַיין אֵיין מוֹסָד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִירְן צוּ דֶעם קִינְד, וַוייל דֶער טַאטֶע הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט בַּעֲלוֹת אוֹיפְ׳ן קִינְד אוּן עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם קִינְד אִין אַ גָאר מָאדֶערְנֶע מוֹסָד אִין ..., אוּן נָאכְדֶעם וָואס דִי מַאמֶע הָאט בַּאקוּמֶען בַּעֲלוֹת אוֹיפְ׳ן קִינְד - זִי וואוֹינְט אִין ..., הָאט זִי גֶעזוּכְט אַ חֲסִידִישֶׁ׳ע חֵדֶר, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיפְ׳ן קִינְד; הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קִינְד.

פְרֶעג נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן אוּן זִינְגֶען פוּן דֶעם קִינְד; דֶער קִינְד פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע צְווֵייטֶע שַׁבָּת צוּ זַיין טַאטֶע, אוּן דָארְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אָפְּגֶעהִיטְן, פְלֶעגְט דֶער קִינְד דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט, דִי מָאוִויס וָואס עֶר קוּקְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע

זַאכְן; זֶענֶען עֶלְטֶערְן גֶעלָאפְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ מִיט טַעֲנוֹת, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיךְ פָארְגֶעהַאלְטְן הַיְּתָּכֵן אִיךְ נֶעם אַרַיין קִינְדֶער וְכוּ'. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי פַּארְלוֹירְן, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער, זָאל אִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם קִינְד אָדֶער נִישְׁט... בִּיז אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיט דִי טַעֲנָה 'מִיר ווילְן נִישְׁט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דֶעם קִינְד'; אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער.

לְמַעֲשֶׂה, עַסְקָנִים הָאבְן זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט, מֶען מוּז רַאטֶעוֶוען דֶעם קִינְד פוּן בְּרֶסְלֶב... מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד. הַיינְט אִיז עֶר שׁוֹין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, אִים פַּאסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ מִיר, עֶר וֵוייסְט נִיטְאַמָאל וֶוער אִיךְ בִּין, אָדֶער מַאכְט עֶר זִיךְ וִוי עֶר וֵוייסְט נִישְׁט.

מִיר אִיז גוּט דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, ווייל דִי מַעֲשִׂיוֹת שְׁטוּפְּן מִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל פוּן אַלֶף, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "פִיר מִיךְ אוֹיף דִי אֶמֶתְ'עֶ וֶועג, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְן"; אוֹי וִוי מֶען קֶען זִיךְ אָפְּנַארְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹי וִוי מֶען קֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין; נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת דִיר צוּ דֶערְצֵיילְן, וִוי שְׁוֶוער אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי מוֹסְדוֹת; דִי חֶדֶר, דִי סְקוּל אוּן דִי יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע, בִּפְרַט דִי חֶדֶר; וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע הָאבְן גֶעלַאכְט פוּן מִיר. מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט; דָאס אַז מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן מִיר אִין דִי גַאס - דָאס הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, אָבֶער אַז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לַאכְט מֶען פוּן מִיר, דָאס הָאט מִיר יָא גֶעשְׁטֶערְט, ווייל מִיר זִיצְן בַּיי אֵיין טִישׁ, בַּיי אֵיין רֶבִּי - אוּן דוּ שְׁפֶּעטְסְט פוּן מִיר? דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שֵׂכֶל צוּ הַאלְטְן מַיינֶע קִינְדֶער אִין דִי מוֹסְדוֹת, אוּן הַיינְט שֶׁעפּ אִיךְ גְרוֹיס נַחַת פוּן זֵיי; מַיינֶע זִין אוּן טֶעכְטֶער, אַלֶע זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, שְׁטַארְק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן שְׁטַארְק דִי בָּחוּרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; זֵיי זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן

דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, דִי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ הָאט מֶען נִישְׁט מְתַרְגֵם גֶעוֶוען דִי בְּרִיוּו, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מְפִיצִים. מִשְׁפָּחַת ... מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ׳פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַוֶועקְגֶעבְּן דְרַייסִיג פֶערְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ פַאר אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוּו – אַז מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס מֶער נִישְׁט׳; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן אָנְהוֹיבְּן גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוּו; דִי עֵצוֹת, דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעצְט וֶוען דֶער זְמַן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַארְפְן אַלֶע אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוֹיף תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וַואקְסִינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל אִיר אוֹיסְקְלָארְן וֶועגְן גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער שָׁאטְס, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן שְׁטֵייעֶן טָאג אוּן נַאכְט אוּן הַאקְן אִין קָאפּ קֶעגְן שַׁאטְס, אַז אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן שַׁאטְס.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אַ גַאנְצְן טָאג אוּן גְלַייךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּן שַׁאטְס, מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל מִיטְגֵיין מִיט אִיר גֶעבְּן נִידְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער; בִּשְׁעַתְ׳ן גֶעבְּן דִי שַׁאטְס בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וַואקְסִינֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ ווינְטֶער וֶוען עֶס אִיז שְׁטַארְק קַאלְט זָאל מֶען פָארְן מִיט דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער גֶעבְּן וַואקְסִינֶען. אַנְדֶערֶע ווילְן זָאגְן אַז דֶער

רֶבִּי רֶעדְט נִישְׁט פוּן הַיינְטִיגֶע וַואקְסִינֶען, הַיינְט אִיז דָאס יָא שֶׁעדְלִיךְ. קוּמְט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְט אִין שׁו"ת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ז, מִכְתָּב תתטז, וְעוֹד) מֶען זָאל גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אַזוֹי טוּ אִיךְ אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן מִיט דִי נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן וַואקְסִינֶען. אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי שְׁטוּתִים - וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְפִירְט, מֶען קוּמְט צוּ סַכָּנוֹת'דִיגֶע זַאכְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה. גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן דִי אַלֶע יָארְן; עֶס אִיז אַזֶעלְכֶע אוֹצְרוֹת, וֶוער עֶס קוּקְט אַרַיין אִין דִי סְפָרִים - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בָּחוּר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס, אַ שֵׁיינֶע הַתְחָלָה פַאר'ן זְמַן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נֹחַ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּ דוּ גֵייסְט אוּן וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ - זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג, דָאס אִיז אַ נִצְחִיּוּת; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרוֹיס וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת. מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אַלֶע זוּהֲמוֹת. מִשְׁנָה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דִי וֶוערְטֶער פוּן הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי; מִשְׁנָה נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אִין אַ

רַייעֶ, גֵיי כְּסִדְרָן דַיְקָא; הוֹיבּ אָן סֵדֶר זְרָעִים, מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, עֶס וֶועט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דִיר שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע; וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם - אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

בַּיינַאכְט נָאךְ אַ טָאג פוּן שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אוּן פוּן אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייאַכְץ וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וְכוּ'; לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה. אַז דוּ וֶועסְט לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת - וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען, זִי וֶועט דִיר זַיין פַאר אַן עֵזֶר, אוּן אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ - וֶוערְט מֶען דֶערְנִידֶערְט אוּן זִי וֶוערְט אַ כְּנֶגְדוֹ וד"ל.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעכְטְן אִיז אַרִיבֶּער אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ, אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל גַאנְץ שַׁ"ס! דָאס אִיז אַזַא שֵׁיינֶע הַתְחָלָה; עֶס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶע זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר, אָנְהוֹיבְּן שַׁ"ס.

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט אַפָּאר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט נֶעכְטְן אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא (כְּתוּבוֹת קיא:), דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; מִיט'ן הֶעלְפְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען - מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים "וּלְדָבְקָה בּוֹ", מֶען וֶוערְט אֵיינְס מִיט'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לוֹיף אַוֶועק פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

וִוילְסְט מַצְלִיחַ זַיין? וִוילְסְט אַ סְגוּלָה אוֹיף הַצְלָחָה? דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר

הַמִּידוֹת אוֹת הַצְלָחָה חֵלֶק ב׳ סִימָן א) : ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד״ וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - ״עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״ וֶועט הָאבְּן הַצְלָחָה ; בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - זֶעט הַצְלָחָה אִין יֶעדֶע זַאךְ.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ ? אוּן מִיט וָואס קֶען מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן ? אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט. מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מִיט צִיצִית, מִיט תְּפִילִין, מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הִיט שַׁבָּת, מִיט דִי פְּרוּטוֹת וָואס אִיךְ גֶעבּ פַּאר צְדָקָה ; יֶעדֶער אִיד אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיבּ וֶועט עֶר גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶען וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעפִּילְט מִיט מִצְוֹת כְּרִמּוֹן.

לוֹיף אַוֶועק פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה ; שׁוֹין צַייט צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן. פְרֵיי זִיךְ מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳, אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י׳).

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶועןְ אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה, מִיר הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶּכֶת כְּתוּבּוֹת אוּן הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת נְדָרִים. אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן דִי מַסֶּכְתָּא אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, לִימוּד גְמָרָא אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה ; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער - אִיז דָאס אוֹיךְ מְטַהֵר דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן דִי חִיזּוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵייט אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט אוּן דוּ גֶעבְּסְט דִי גֶעלְט פַאר'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם. זָאג אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַזוֹי טוּן; זֵיי זָאלְן גֵיין הֲפָצָה אוּן גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַאר'ן שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אַ שָׁאד אַז דִי הֲפָצָה אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן; פָארִיגֶע וָואךְ אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין גִּלְיוֹן מְתוּרְגָם אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָם וַוייל דִי מִשְׁפָּחָה וָואס זֶענֶען דָאס מְתַרְגֵם, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם, דְרַייסִיג פֶערְצִיג שָׁעָה לֵייגְן זֵיי אַרַיין אִין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גִּלְיוֹן אוּן וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זֵיי זֶעעֶן אַז מֶען אִיז דָאס מֶער נִישְׁט מֵפִיץ, דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען פֵיין בַּאקְוֶועם - טְרַאכְטְן זֵיי אַ שָׁאד דָאס צוּ מַאכְן.

הַלְוַאי וָואלְט אִיר זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען, אַ חַבוּרָה בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט - מִיטְ'ן נָאמֶען "חֶבְרַת מְפִיצִים", גֵיין יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת; אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אַזוֹיפִיל אַבְרֵכִים זֶענֶען פַארְלוֹירְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיטְ'ן לֶעבְּן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן, אוּן מִיט אֵיין גִּלְיוֹן, מִיט אֵיין בְּלֶעטְל קֶען מֶען זֵיי הֶעלְפְן; זֵיי אוֹיסְלֵייזְן פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גָלוּת.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טְרַאכְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט פוּן יֶעצְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ "ה' מַלַךְ"; מוֹהֲרָא"שׁ אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן זָאגְט: "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת בְּנִקּוּד פַּתַח", מֶען דַארְף דָאס שְׁרַייבְּן מִיט דִי נְקוּדוֹת פוּן פַּתַח. דָאס אִיז עַל פִּי קַבָּלָה פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (עַיֵּין פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַזְּמִירוֹת, פֶּרֶק ג), אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט צוּ זָאגְן מִיט אַ פַּתַח; זָאגְן זָאגְט מֶען דָאס בִּלְשׁוֹן הָיָה, "ה' מָלָךְ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעקֶענִיגְט.

וּבְנוֹגֵעַ פַארְוָואס מֶען זָאגְט קוֹדֶם לָשׁוֹן הֹוֶה: "ה' מֶלֶךְ", מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זָאגְן קוֹדֶם הָיָה - "ה' מָלָךְ", אוּן נָאכְדֶעם הֹוֶה וְיִהְיֶה? אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א (סֵפֶר דַּרְכֵי אִישׁ, גִּלָּיוֹן פא) זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע גֶעדַאנְק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, דַאוְונֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן"; דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוְונֶען זָאגְט מֶען קוֹדֶם "ה' מֶלֶךְ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יֶעצְט קֶענִיג, טְרַאכְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט פוּן יֶעצְט, יֶעצְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, עֶר אִיז קֶענִיג, 'יֶעצְט וִויל אִיךְ זַיין גוּט', 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ דַאוְונֶען', נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ מִיר פוּנֶעם עָבָר אוּן פוּנֶעם עָתִיד; וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי דוּ בִּיסְט מְחַיֶּה דוּרְשְׁטִיגֶע נְשָׁמוֹת, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין וַואלְד אוּן זוּכְט אַ טְרָאפּ וַואסֶער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט אִים אוֹיס דִי כֹּחוֹת

און וֶוען עֶר טְרֶעפְט וַואסֶער אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶ׳ - אַזוֹי אִיז מִיט דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים, עֶס אִיז פְּשׁוּטְ׳עֶ דִיבּוּרִים, אָבֶּער עֶס אִיז אַזוֹי וִוי וַואסֶער פַאר אַ דוּרְשְׁטֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין בַּיי בְּרִיאַת הָעוֹלָם אָנְגֶעגְרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, און אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער אַ בִּילְד פוּן אַ גוֹי וָואס הַאלְט אַ צְוַוייג אוֹיף דִי אַקְסְל און צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער הֶענְגֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. אִין דִי זַייט שְׁטֵייט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט אַ תַּלְמִיד, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער פָּנִים וַוייזְט מִיטְ׳ן פִינְגֶער אוֹיפְ׳ן גוֹי, און דֶער תַּלְמִיד הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פָּנִים.

בֶּעט אִים אוֹיךְ עֶר זָאל לֵייגְן אִין דִי זַייט אַ בִּילְד פוּן אַ קְלֵיינֶע בַּעַל חַי, אַ מָאוֹקָאשׁ אָדֶער אַ קַאץ, וַוייל דָאס מַאכְט עֶס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי וֶוערְן זֵיי פַאר׳חָלוֹמְ׳ט אוֹיפְ׳ן בִּילְד און זֵיי פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת; דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דִי מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גוּט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר הַארְץ.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

**דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים טִיף אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג.**

**דֶער תַּלְמִיד זָאגְט פַארְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "וַוארְט אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר בַּאלְד וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן וַואסֶער". נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאגְט דֶער תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל: "רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין כִּמְעַט חַלֶשְׁ׳ן"; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער תַּלְמִיד הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן וַוייס, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.**

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט - הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶועלְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם אִין וַואלְד, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תַּלְמִיד: "יָא יָא, זִיכֶער! זִיכֶער גְלֵייבּ אִיךְ אִין דֶעם!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַאַרְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט אַ יְשׁוּעָה פַאר אוּנְז".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַן עָרֵל קוּמְט צוּ גֵיין מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער וָואס הֶענְגְט אִים פוּן זַיין פְּלֵייצֶע! דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט צוּ אִים אוּן גֶעבְּט אִים אַפָּאר פְּרוּטוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם עָרֵל: "גֶעבּ אוּנְז אַבִּיסְל וַואסֶער"; דֶער תַּלְמִיד מַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, אוּן עֶר הָאט צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיינֶע כֹּחוֹת.

זֵיי זֶעעֶן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס!"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְרֶעגְט דֶעם עָרֵל: "זָאג מִיר, וָואס טוּסְטוּ דָא אִין וַואלְד מִיט דִי צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער?" זָאגְט דֶער גוֹי: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד; אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא דְרֵיי טֶעג אִין וַואלְד, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַאר'ן תַּלְמִיד: "זֶעסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן אוּן אַרַיינְשִׁיקְן זַיין קְנֶעכְט אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וַואסֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גְרֵייט אָן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס יֶענֶער דַארְף; אַז מֶען גְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ און לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר. עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער פָארְצוּלֶערְנֶען, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְקִילְט און אִיךְ הִיס שְׁטַארְק, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְווִישְׁן אֵיין הִיס און צְוֵוייטְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים; דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, און אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ו, ט): "אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק"; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן אַ לֶעבְּן פוּן נֹחַ נֹחַ - אַלְץ זַיין רוּאִיג? אִישׁ צַדִּיק - אַז מֶען אִיז דָבוּק צוּם צַדִּיק!

הֶעלְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, און בִּשְׁעַת דוּ גְרֵייטְסְט אָן דֶעם שַׁבָּת זָאג: "לְכָבוֹד שַׁבָּת" - נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל; וַוייל יֶעדֶע מָאל מֶען זָאגְט "לְכָבוֹד שַׁבָּת" - קוּמְט אַ קְדוּשָׁה אִין שְׁטוּב.

שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ און לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּן כא, דף נז.): "אִם הוּא עָצִיב בְּחוֹלָא" אוֹיבּ אִיז מֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ טְרוֹיעֶרִיג, "דִּיְהֵא חָדֵי בְּשַׁבַּתָּא" דַארְף מֶען שַׁבָּת זַיין פְרֵיילִיךְ, "וְאִם אִית לֵיהּ קְטָטָה בְחוֹלָא" און אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט דוּרְכְ'ן וָואךְ, "עִם בַּר נַשׁ" מִיט אַ צְוֵוייטְן, "אוֹ עִם אִתְּתֵיהּ" אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ, "דִּיְהֵא לֵיהּ שְׁלָמָא עִמָּהּ בְּשַׁבַּתָּא" דַארְף מֶען זִיךְ שַׁבָּת אִיבֶּערְבֶּעטְן און לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, "וּבְדָא לֵית רְשׁוּ לְקָרְבָא לְסַם הַמָּוֶת חַלָּלָה, וּלְבַעֲלָהּ דְּאִיהוּ אֵל אַחֵר חִלּוּל שַׁבָּת" וַוייל אַז מֶען אִיז שַׁבָּת בְּשָׁלוֹם און מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, קֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, "וּבְגִין דָּא אָמְרוּ קַדְמָאֵי, 'אִם יִשְׂרָאֵל הֲווֹ מְקַיְּימִין שַׁבָּת אַחַת כְּהִלְכָתָהּ, מִיָּד הֲווֹ נִגְאָלִין'" דֶערִיבֶּער

זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אוֹיב אִידְן הִיטְן אָפּ שַׁבָּת אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט – וֶועְרט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

אִיךְ בִּין נָאךְ אַבִּיסְל פַארְקִילְט, אִיךְ הִיס נָאךְ אַבִּיסְל; עֶס אִיז אָבֶּער מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### פָאלְגְן דֶעם טַאטֶען אָדֶער מַאמֶען?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה, אוֹיבּ טַאטֶע אוּן מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ, אֵיינֶער זָאגְט פַארְ׳ן קִינְד יָא אוּן דֶער צְוֵוייטֶע נֵיין – דַארְפְן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן דִי טַאטֶע. זִיכֶער וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְן, אַז אַייעֶר טַאטֶע ווִיל אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייךְ, אוּן אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיבֶּערְהִיפְּן דֶעם בְּרוּדֶער וֶועט עֶס שָׁאטְן פַאר אַייךְ – דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אַייעֶר טַאטְן, אוּן שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן פַאר דִי מַאמֶע אַז דִי פּוֹסְקִים זָאגְן מֶען דַארְף נִישְׁט פְרֶעגְן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבְן.

מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר פּוֹעֵלְ׳ן אַ שִׁידוּךְ סַיי פַאר אַייךְ אוּן סַיי פַאר אַייעֶר בְּרוּדֶער.

הָעִקָּר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״גָאט אִיז גְרוֹיס, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט״; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען יֶעדֶעם בַּאזִיגְן

אַלֶע אִידְן וֵויינֶען, אַלֶע בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין דִי הַייזֶער מִיט פַארְמַאכְטֶע פֶענְסְטֶער; ׳וָואס גֵייט דָא זַיין?׳ עֶס אִיז אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק, דִי פְּלִשְׁתִּים דִי אַרַאבֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען אַלֶע יָארְן דִי אִידְן - הָאבְּן אַ נֵייעֶם פְּלַאן, זֵיי ווִילְן מַאכְן אַ פַּארְמֶעסְט. קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס מֵיינְט ׳אַ פַּארְמֶעסְט׳? מֶען נֶעמְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער אַנְטְקֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן, דִי צְוֵויי פַּארְטְרֶעטְן אַנְדֶערֶע, זֵיי מַאכְן אַ מִלְחָמָה אוּן וֶוער עֶס פַארְלִירְט מֵיינְט אַז אַלֶע הָאבְּן פַארְלוֹירְן.

דִי אַרַאבֶער זָאגְן: ״מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִיבּוֹר אוּן דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִיבּוֹר, דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן אוֹיב דֶער פְּלִשְׁתִּי וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן דִי אִידְן זַיין אוּנְטֶערְדְרוּקְט אוּנְטֶער דִי אַרַאבֶער אוּן אוֹיב דֶער אִיד וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן מִיר זַיין עֶנְקֶערֶע קְנֶעכְט״.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דִי אַרַאבֶער הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ מִין בַּאשֶׁעפֶענִיש, מֶען קֶען אִים נִישְׁט אָנְרוּפְן מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען

מֶער וִוי אַ פַארְצִיקְנְדֶע חַיָה וִוי אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן "גָּלְיַת", עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט זֶעקְס פִינְגֶער אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רִיז, הוֹיךְ צְוֶועלְף פִּיס, טָאפְּלְט פוּן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע בַּארְג אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי אִידְן, עֶר הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִי אִידְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוֹיךְ דֶער קֶענִיג "שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ" אִיז בַּאהַאלְטְן. אַלֶע וֵויינֶען, מֶען צִיטֶערְט, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁרֶעקֶעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ "גָּלְיַת".

אֵיין קְלֵיין אִינְגְל - מִיטְ'ן נָאמֶען "דָוִד" - זָאגְט פַארְ'ן אִידִישְׁן קֶענִיג: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, דֶער קֶענִיג זָאל מִיר גֶעבְּן רְשׁוּת, אִיךְ וֶועל גֵיין הַרְגְ'נֶען דֶעם פְּלִשְׁתִּי". דֶער קֶענִיג וואוּנְדֶערְט זִיךְ: "וָואס? דוּ קְלֵיינֶער אִינְגְל, דוּ קֶענְסְט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי רִיזִיגֶע חַיָ?!" דָוִד זָאגְט: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר הֶעלְפְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד"; דֶער קֶענִיג גֶעבְּט רְשׁוּת.

דָוִד שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג, עֶר נֶעמְט פִינְף שְׁטֵיינֶער, דִי פִינְף שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דִי פִינְף וֶוערְטֶער וָואס מִיר אִידְן זָאגְן יֶעדְן טָאג: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד". אֵיין שְׁטֵיין אִיז "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", דִי צְוֵוייטֶע שְׁטֵיין "ה'", דִי דְרִיטֶע שְׁטֵיין "אֱלֹקֵינוּ", דִי פֶערְטֶער שְׁטֵיין "ה'" אוּן דִי פִינְפְטֶע שְׁטֵיין "אֶחָד". עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ: "הֶערְט אוֹיס אַלֶע אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְזֶער גָאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים".




"שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!!!!!!!!!"

דֶער פַארְצִיקְנְדֶער חַיָ' וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, עֶר שְׁרֵייט: "וָ ו א א ס ס???? אִיךְ בִּין אַ הוּנְט??? וָואס דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ??!" אַ הוּנְט וֶוען מֶען וִויל עֶס פַארְטְרַייבְּן – וַוארְפְּט מֶען קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער; "אִיךְ בִּין דֶער גְרוֹיסֶער גִיבּוֹר, דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער אַרַאבֶּער! מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מֶעסֶער! אוּן דִי גְרֶעסְטֶע גָאן!!!"

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ

הָאבְּן׳; עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרַייעֶן: ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל...!״ אוּן נֶעמְט אַ שְׁטֵיין אוּן שִׁיסְט עֶס אַרַיין אִינֶעם קָאפּ פוּנֶעם פְּלִשְׁתִּי, דֶער רִיזִיגֶער פְּלִשְׁתִּי פַאלְט אַרָאפּ, עֶר חַלֶשְׁ׳ט! אוּן דָוִד לוֹיפְט צוּ צוּ אִים, עֶר כַאפְּט זַיין מֶעסֶער אוּן שְׁנַיידְט אָפּ זַיין קָאפּ.

אַלֶע אַרַאבֶּער אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה.

וְוי אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעוואוּנֶען דִי מִלְחָמָה? מִיט אֱמוּנָה! מִיט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזִיגְן.